Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Seyfer zikhroyneś

Psantir, Iacob
פסנתר, יעקב

Buḳaresh, 650 = 1889

עדערראפ.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12393

Visual Library

# פארוואָרט.

ויאמר שמואל אל כל ישראל הנה שמעתי בקולכם לכל אשר אמרתם לי ואמליך עליכם מלך: ועתה הנה המלך מתהלך לפניכם ואני זקנתי ושבתי ובני הנם אתכם ואני התהלכתי לפניכם מנערי עד היום הזה. הנני ענו בי נגד ד׳ ונגד משיחו את שור מי לקחתי וחמור מי לקחתי ואת מי עשקתי, את מי רצותי ומיד מי לקחתי כופר ואעלים עיני בו ואשיב לכם. ויאמרו לא עשקתנו ולא רצותנו ולא לקחת מיד איש מאומה. ויאמר אליהם עד ד׳ בכם ועד משיחו היום הזה כי לא מצאתם בידי מאומה ויאמר עד. (שמואל א׳ י״ב).

דא ליעגט איינע גרויסע פראגע אזוי וויא דער פסיק דערצעהלט אינז (שמואל א קאפיטעל ח׳) אז שמואל איז געקימען אין דער עלטיר אריין האט ער איבערגעגעבען דיא פרעזידענציע זיינע צוויא זיהן יואל אין אביה אין האט זייא באזעטצט אין באר שבע זאלין משפטין דאס פאלק, אין דער אלטיר שמואל האט זיך אוועק געצויגען אויף זיין מאשיע קיין רמתה אין האט זיך שוין אבגעלאזט פין דער פאליטישער וועלט. א דא איז דיא שאלה האט ער דאמאלס, געדארפט האלטען איין רעדע דעם פאלק אין זייא ערקלערען דאס גאנצע קאפיטעל י״ב אין זאלל זיך בארימען מי עשקתי, מי רצותי, אונד זא ווייטער. דא האט ער אבער דאס גאר ניט געדאכט ער האט זיך גאר ניט גערעכט אז מען זאלל אויף איהם אדער אויף זיינע קינדער זאגען דאס ווארט: ויקחו שוחד ויטו משפט אבער וועו יודען האבען דערזעהען דיא שארלאטאניע פין זיינע קינדער אז זייא געהען ניט אויף דעם וועג פין זייער פאטער האבען זייא זיך צוזאמען גענעמען איינע דעפאטאציאן אין זענען געקימען צי דעם אלטען שמואל קיין רמתה אין האבען איהם דערצעהלט אזא מעשה: „אתה זקנת ובניך לא הלכו בדרכיך, יטו אחרי הבצע ויקחו שוחד ויטו משפט.“ וויא דער אלטער מאנן שמואל האט דאס דערהערט איז איהם דאס זייער פריקרע פארגעקימען. האט ער זיך באלד באטראכט אין האט געדענקט אז עס קען זיין אז מארגען

קען מאן אויף איהם אויך דאס זאגען, עס איז יאה רעפובליק. דיא פּרעססע איז פרייא. אין בייא אינז איז קיין חנופה ניט פארהאנדען, דא זאגט מען אויס דעם אמת, דארום מיז איך שוין ענטדעקען מיין דיענסט וויא ארענטליך איך האב דעם פאלק געדיענט אין האב קיין לאהן דערפאר ניט גענעמען, אזוי האט שוין שמואל געזיכט איינע געלעגענהייט. ער זאלל דאס דעם פאלק ערקלערען, עס איז אוועק געגאנגען איין צייט לאנג ביז ער האט זייא געמאכט איין מלך אין אין מיטען דער געשיכטע האט זיך געטראפען איינע שווערע מלחמה מיט נחש העמוני אין זייא האבען געזיענט. נאך דער קריעג האט זיך אנידער געשטעללט שמואל אין האט געזאגט פאר כל ישראל מיט דיא ווארטען: איך האב איך ציגעהערט אין האב אייך געגעבען איין מלך אין מיינע קינדער זענין אויך צווישען אייך, איך בין שוין אלט אין גרוי, פין מיין יוגענד אן האב איך אייך געדיענט יעצט בין איך דא צייגט אן אקעגען מיר פאר גאטט אין פאר זיין געזאלבטען. וועמיס אקסען האב איך גענעמען אין וועמיס עזעל האב איך גענעמען וועמין האב איך געוואלט געד טהאן, וועמין האב איך ציגעדריקט. אין פין וועלכער האנד האב איך גענעמען געשענקע אין האב ציגעמאכט מיינע אויגען, אזוי וויל איך דאס אייך ציריק געבען." אזוי האבען אללע יודען געזאגט: „דיא האסט אינז קיין געוואלט געטהאן אין אויך ניט אינז ציגע־דריקט אין אויך פין קיין מענטש עטוואס גענעמען" אזוי האט שמואל געזאגט צי כל ישראל „גאט אין מיין געזאלבטער זענין מיינע עדות אז איהר האט אין מיינע היינד גאר ניט געפינען" אין כל ישראל האבען אנגענעמען זיינע ווערטער אין האבען זייא באַ־שטעטיגט. דיעזעלבע פערטהיידיגונג האט פארביטערט דעם שמואל הנביא זיין עלטער אז ער האט זיך געדארפט ריהמען אין פובליקום אז ער האט געדיענט דעם פאלק אהנע שום אינטערעס אין האט בייא קיין מענשען קיינע געשענקע אודער לאהן גענע־מען. אינזער עלטער פאטער יעקב האט אויך אזוי איין געגענ־שטאנד געהאט מיט זיין שווער אין אזוי האט יעקב גע־זאגט צי זיין שווער לבן: „איך האב דיר געדיענט 20 יאהר פיר דיינע טעכטער אין פיר דיינע שאף, דיינע שאפע האב איך ניט פארדארבען, דיינע לעמער האב איך ניט געגעססען, בייא טאג

בין איך פארברענט געוועהין פין רער זאננע אין בייא נאכט פין דער, קעלט גאט האט צוגעזעהען מיין עלענדקייט אין מיין האראוואניע וואס איך האב פארדיענט מיט מיין יגיע כפי, ווענן ניט דער גאט פין מיין פאטער אברהם אין דיא פורכט פין יצחק וועררען געוועזען בייא מיר געוויסס דיא העטטעסט מיך יעטצט לעהר אוועק גע׳שיקט.“ וויא לבן האט געהערט דיא שעהנע רעד פין זיין איידעם יעקב איז ער בעגייסטערט געווארין אין האט איין געשרייא געטהאן „ועתה לכה נכרתה ברית אני ואתה והיה לעד ביני ובינך (בראשית ל״א). מיין קינד דיא האסט רעכט, לאמיר כורת ברית זיין אויף אייביג. — אלזא מיינע ליעבע לעזער, אזעלכע צווייא מעננער וואס זייא האבען געשפיעלט אזוי איין גרויסע ראללע בא זייער לעבען אין אויך נאך זייער אבלעבען, אינזערע הייליגע שריפטען זענין פאלל געשטאפט מיט זייערע מעשים טובים. אין צים סוף האבען זייא זיך געמיזט בעריהמען אין שרייען מיט איין הויכער שטימע אז זייא האבען נעדיענט אימזיסט אהנע לאהן. וויססען זיא וואָרום מיינע ליעבע לעזער, וויל מען האט זייא דערצי געבראכט, שמואלן האבען זיינע קינדער געבראכט דערצי, אין יעקב׳ן האט לבן געבראכט דערצי.

## קורים יקרים.

מיינע ליעבע אונד טייערע לעזער, דיזעלבע פראגע איז אויך אנבעלאנגט אין מיינע לעבענסגעשיכטע. מען האט מיך אויך געצווינגען דערצי אז איך זאלל שרייבען איין ספר זכרונות דאמיט איך זאלל ענטדעקען מיין ארבייט אין מיין שווערע מיה וואס איך האב געלייסטעט פיר בתי מחסה לזקנים אזוי פיעלע יאהרע אין ר׳ וואלף מיכאלאוויטש אין הר. בלומענפעלד זענין געוועהין בעצה אחת אז מען זאלל מיר מיין שעהנעם גלאנץ אין מיין טהייער מלביש ארויסציהען אזוי וויא מיינע ליעבע לעזער וועלין לעזען ווייטער אין מיין ביאגראפיע איך האב אבער אויף זייא ניט געקיקט אין האב מיר מיין ארבייט פארוועדטס געטריעבען איך האב בעהאנדעלט דיא אלטע קראנקע לייטע אזוי וויא איין פאטער זיין אייגען קינד, דיא אללע טויטע וואס מיר רעכנען אויס אין אינזער נעקראלאגיע זענען אויף מיינע הענד געשטארבען אין יעדער

מיט איין פערשיעדענעם טויט. איך האב זייא אויף מיינע הענד אויף דיא בעטטען געטראגען איך האב דיא ריינליכקייט זעהר שטארק אבגעהיט איינציגע פין זייא האב איך אללע טאג פרישע ווייסע וועש געגעבען דאמיט זייא זאללען קיין בנים ניט מאכען, איך האב געזעהען וויא אין דער געשווינד מעדיקאמענטע צו פארזארגען וויא אינזער דר. בלומענפעלד האט נאר פארשריעבען. עס לאזט זיך אזוי פיעל ניט שרייבען וויא פיעל מיה איך האב געהאט מיט איעדען באזונדער. בייא קיין מענש האב איך דערפאר קיינע בעצאהלונג גענעמען. דאנקען נאט מיר זענען נאך צווישען דיא לעבענדיגע, מען זאלל איינע פראגע שטעללען צווישען דיא פריינד פין דיא וואס זענען געשטארבען אין בתי מחסה לזקנים אין איינער צייט פין 9 יאהר. בייא ווען האב איך אפילו עפים גענעמען, ווער האט מיר איין קליינעס געשענק געמאכט אדער געלד געגעבען וועל איך איהם דאס צוריק געבען. דיא שווערסטע מיה וואס איך האב געהאט מיט דעם פאאר פאלק קיפערנוז אין מיט מענדעל לעבעל, ווער האט מיר פאר זייא גע צאהלט זאלל קימען אין מיר זאגען אין דיא אויגען וועל איך איהם דאס צוריקגעבען. שוין אין דער לעצטערער צייט ווען איין אנדערער איז געוועהין ציזעהער פאר דיא אלטע לייט, אין הענינ דיא טשעקאוויבע איז געוועהין אין איין געפעהרליכער קרענק ווער האט זייא מעהר ציגעזעהען וויא איך. פרייטאג 12 באנאכט האב איך פין איירעטוועגען פייער געמאכט וויל דיא דיענסט איז ניט געוועהען אין דער היים, איך האב איהר ווארים געמאכט אין שטיב, עס איז געוועהען איין גרויסער פראסט אין דרויסען, איך האב איהר געווארמט ציגעל אין געמאכט טשייא אין ביז אין טאג אריין האב איך זיא בייא איהר לעבען דערהאלטען ווער האט מיר געצאהלט דער פאר זאלל קימען מיר זאגען. 12 יאהר ארבייט איך בייא דעם פעראיין גלייך מיט דעם קאמיטעט אין איינעם איעדער מיט זיין ארבייט איך האב געטאהן וואס איך האב גע־קאנט, זייא האבען געטהאן וואס זייא האבען געקאנט, האט מען מיר דענן דערפאר געצאהלט, זאללען זייא קימען אין מיר זאגען, וועל איך זייא צוריסגעבען. מי עשקתי, מי רצותי ומיד מי לקחתי כופר ואעלים עיני בו ואשיב לכם.

דאס ספר זכרונות הייסט ביאגראפישע בעשרייבונג, דאס איז איינע אינטערעסאנטע בעשרייבונג פון דיא אלטע לייט, מענניזר און פרויען וואס זייא זענין געשטערבען אין אינזער אזיל אין איין צייט פון 9 יאהר אין יעדען טויטען מיט זיין נעקראלאג און מיט וואס פאר איין טויט ער איז געשטארבען און אויך איינע ביאגראפיע פון דיא אלטע מעננער און פרויען וואס זייא געפינען זיך היינט אין בתי מחסה לזקנים, איעדער מיט איין קורצער ביאגראפיע וויעפיעל איך האב געקאנט צוזאממען ברענגען. וויא אויך דיא גאנצע בעשרייבונג דעם אזילם פון דער גרינדונג דעם .5 יולי 1875 ביז אין היינטיגען טאג.

מיינע ליעבע לעזער, איך נעם מיר אינזער הייליגע תורה צים שפיעגעל אזוי וויא זיא שעהמט זיך נים אין זאגט אויף איעדען מענש זיינע מעשים הן צי גיטען הן צי שלעכטען, דיא תורה איז נישט צווייא פנים־דיק זיא שמייכעלט ניט קיין מענטש אזוי וויא איעדער ווייסט. אויף דעמזעלבען וועג וועלין מיר אויך געהין, מיר וועלין ציטהיילען איעדען מענש זיין רעכט וואס ער האט פארדיענט אין זיין ארביים וואס ער האט געלייסטעט פיר דעם פעראיין בתי מחסה לזקנים. אויך וועלין מיר דערמאנען איעדען מענש זיין אונרעכט וואס ער איז בעגאנגען אקעגען דער וועלט און אקעגען דיא אלטע מענשען וואס זענין געשטארבען אין אזיל און אקעגען דיא וואס לעבען אין אזיל, אין דאס איז ניט וועגען קאלאמניע זאנדערן נאר אויפמערקזאם צו מאכען אז מען זאלל פאר היטען עס זאלל מעהר ניט פארגעהען; אזעלכע מיזעראבלע בעהאנדלונג אקעגען איין אלטען מאנן וואס ער איז אויפגענעמען געווארין אין אזיל פאר מצוה, ווארין פון דער מצוה קימט ארויס דיא גרעסטע עבירה, איעדער פרייז האט זיך אויסגעאיבט זיין עגאיזמוס אין אקעגען ועמען, אקעגען איין אלטען קראנקען ארימען מאנן, אזוי וויא מען וועט זעהען ווייטער בא צייכענד. אין איעדעם ווארט זענין מיר אים שטאנדע מיט גערעכטע עדות איבער צי צייגען איך אלז איינער פון דיא ערסטען גרינדער דעם פעראיינס בתי מחסה לזקנים, אין איינער פון דיא ערסטען 3 אקטיווען מיטגליעדער וואס מיר האבען אנגעפאנגען צו בילדען דעם פעראיין פון דעם ערסטען טאג דער גרינדונג אין ביז אין היינטיגען טאג בין איך ניט אב־

געשטאנען פין מיינער אקטיווער ארבייט. איך אלס ערסטער אזיל
פאטער אין פארזארגער דער אלטען לייטע וואס איך קאן מיך
באריהמען אז איין האלב אזיל האב איך געמאכט מיט מיינע אלטע
ביינער אין צים סוף אז איך האב געזעהען אז מען פערד נקעלט
מיינע גאנצע ארבייט אין מען פארווארפט אויך דיא גאנצע גרינ־
דונג דעם פעראיינס אזוי האב איך באלד פראטעסטירט אין האב
ענטדעקט דיא גאנצע געשיכטע דער גרינדונג דעם פעראיינס אין
דער פאר האט מען מעך אנגעהויבען צי בעהאנדלען וויא איין
הונד אויף דער גאס. עס איז דא קיין פלאץ אזוי פיעל צו בע־
שרייבען דיא פערזעקאציאן אקעגען מיר.

מיינע ליעבע לעזער, איך האב ניט געגלעבט אז מיינע ברי־
דער נאך ציוניסטען דערצי, זאללען מיך אזוי מיזעראבעל בא־
האנדלען אויף מיין עלטיר על לא חמס בכפי, 40 יאהר האב
איך געלעבט צווישען פרעמדע פעלקער, איך האב גאר ניט גע־
ווסט וואס צווישען יודען געהט פאר. איך האב געמיינט אז יודען
זענין געטרייא איינער דעם אנדערן אזוי וויא אמתריקע ברידער.
מאקע אזוי וויא אינזער היילינע תורה לערנט אינז. „ואהבת לרעך
כמוך” דיא זאללסט ליעבען דיין חבר אזוי וויא דיך אלליין. ליי־
דער איך בין גענארט געוועהען אין דער מיינונג. איין העליש פייער
האט געברענט אין מיינעם הערצען נאך מיינעם יודענטהום. בא־
נאכט אז איך פלעג אהיים געהען פין מיין ארבייט אין אז איך
האב באגעגענט 2 יודען געהען אין רעדען יודיש בין איך נאכ־
געגאנגען אינטער זייא אין דערפין האב איך געהאט איין גרויס
פארגניגען אז איך האב געהערט מיינע ברידער רעדען יודיש אין
דארום האב איך טאג אין נאכט געבעטען גאט איך זאלל מיי
מלאכה אוועק לאזען אין זאלל לעבען צווישען יודען רחמנים בני
רחמנים אין גאטט האט מיר אזוי איין וועג געוויזען דערצי. אים
יאהרע 1876 איז געווארען צווייא פארטייען אין ציון פעראיין. אי
פארטייא האבען געבילדעט דיא צווייטע שולע לומינא. דאמאלס
בין איך שוין געוועהין איין ציוניסט דענן איך בין אויפגענעמען
געווארען אין ציון פעראין אים יאהרע 1874, דאמאלס האב איך
געזעהען אז איך קים אין דער עלטער אריין אין איך האב שוין
געוואלט מיין עלטער פארברענגען צווישען יודען האב איך ע־אנג

נעמען שמש צי זיין בייא דער שולע לומינא, איך האב דארט מיין שעהנעם לאהן מאנאטליך בעקימען, מען האט מיך רעספעקטירט אויף שענסטען גראד, איך האב גאר קיינע שונאים געהאט. אללע זענין געוועהן מיינע גיטע פריינד, דר. בלומענפעלד אין ר׳ וואלף מיכאלאוויטש זענין שוין געוועהן אין אינזער פעראיין בתי מחסה לזקנים אין מיר האבען שוין אין איינעם שטארק געארבייט פיר דעם אזיל, ביז אים יאהרע 1881 (*) אז דיא ערשטע 9 שטיבער זענין שוין געוועהן געבויט אין אלטע מענשען זענין שוין געזעסען פין דער צייט אן האט זיך אנגעפאנגען דיא קנאה שנאה צווישען מיר אין דיא צוויא מעננער, דר. בלומענפעלד אין וואלף מיכא-לאוויטש, אין נאר דערפאר ווייל איך האב ענטדעקט דיא גרינ-דונג דעס פעראיינס אין האב פראטעסטירט דאריבער, דאס וועל איך דייטליך ערקלעהרען מיינע ליעבע לעזער אראב אין דער צווייטען אבטהיילונג.

## פשוט נבלתה בשוק ואל תצטרך לבריות.

אין מיין יוגענד האב איך געלערנט חכמות מוזיקע חאטשע מיינע אבות אבותי האבען פין דער חכמה גאר ניט אמאהל גע-ווסט נאר דאס עלענדקייט וואס איך בין געבליעבען פין מיין פא-טער אין דיא שלעכטע צייטען וואס דאמאלס איז געוועהן האט מיך דערצי געבראכט, אין מיט דער מלאכה האב איך מיר ער-האלטען מיין הויזגעזינד אויף דעם שענסטען גראד, איך האב צי קיין מענשען ניט בעדארפט. אים יאהרע 1871 אז איך האב גע-דריקט מיין ערשטע קראניקע „דברי הימים לארצות רומעניען״ האב איך דארט פובליצירט מיין מלאכה מיט וואס איך האב מיך גענעהרט מיט מיין הויזגעזינד כדי איך זאלל דעם עולם אויפ-מערקזאם מאכען אז איך בין ניט קיין דאקטאר דער מעדיצינע אין ניט דר. דער רעכטע אין ניט קיין שטודירטער ראבינער אדער דר. דער פילאזאפיע זאנדערן נאר איין פשיט׳ר צימבלער. דעם מוסטער האב איך גענעמען פין אברהמ׳ס קנעכט. ווענן אליעזר עבד אברהם

(*) דיא שולע לומינא האט פאנקציאנירט ביז אים יאהרע 1881 אין איז אויפגעהויבען גע-ווארען. איהרע מעמבערס זענען צוריק צי־געטרעטען צי דער שולע פראטערנימאטע. אין דעם יאהרע 1889 איז ציון פארשמאלצין געווארען מיט בני ברית פין אמעריקא אין עס איז שוין אנדערע דינים אין אנדערע געזעצע.

איז געגאנגען קיין ארם נהרים (מעזאפאטאמיען) ער זאלל ברענגען איין כלה פאר זיין הערנ׳ס זיהן יצחק, איז ער ניט געגאנגען מיט לעדיגע הענד, ער האט מיטגעפיהרט צעהן קאמעלע געלאדען מיט כל טוב אין שענסטע אבנים טובות מיט טייערן שמוק וואס דאמאלס האט עקסיסטירט אין יענע לענדער, אין ער האט געהאט מעהרערע דיענער וואס זייא האבען באדיענט זיינע קאמעלע אין ער איז געוועהען הערר איבער זייא, דאס האט געהייסען זיין סואיטע אין אז ער איז געקימען אין דער געגענד נאהנט פין דער שטאדט ארם נהרים אין האט געטראפען דאס שעהנע טייערע מעדעל אויף דעם פעלד בייא דעם ברונען פין וואסער אין נאך זיינע סימנים וואס ער האט זיך פארגעשטעללט, האט ער זיא דערקענט אז דאס איז טאקע דיא רעכטע כלה וואס ער זיכט זיא האט ער איהר שוין באלד געגעבען דיא כלה מתנות איין גאלדענער נאזרינג דיא וואג פין איין שקל, צווייא גאלדענע ברעצארין, אין דער וואג פין 10 שקלים אין אז איהר ברידער לבן איז איהם אקעגען געלויפען אין האט דערזעהען אזא רייכטהום, 10 געלאדענע קאמעלע אין דיא גאלדענע בראצארען אויף איהרע הענד אין האט געזעהען וויא אליעזר שאפט דא אויף דיא אללע דיענערשאפט פין דיא קאמעע־לען, האט ער געמיינט אז דאס איז טאקע דער פעטער אברהם אלליין, האט ער איהם שוין אהיים געפיהרט אין האט פיר דיא קאמעלע געגעבען הייא אין האבער אין באלד געשטעללט איין טיש פיר איהם אין פיר זיינע מענשען אין איהם באלד דערלאנגט וואסער אבציוואשען דיא פים נאך דעא אזיאטישער זיטטע. וויא דער אליעזר האט געזעהען דיא גרויסע אויפנאהמע מיט דעם גרויי־סען כבוד וואס מען גיט איהם אב האט ער פארשטאנען אז מען האט זיך אויף איהם טועה געוועזען, זייא מיינען אז ער איז אברהם אלליין. אזוי האט אליעזר באלד געזאגט: איך וויל ניט עססען ביז איך וועל ניט פריהער רעדען מיינע רעד, האט לבן געענפערט דבר, רעד. זיינע ערשטע ווערטער זענען געוועהען; ויאמר, עבד אברהם אנכי, איהר מיינט אז איך בין אברהם אלליין, ניין, איך בין אברהם׳ס איין קנעכט אין דערנאך האט ער זייא ערשט ער־קלעהרט דיא גאנצע געשיכטע, נאך וואס ער איז געקימען אזוי וויא אין פרשת חיי שרה שטעהט. וואס איז געוועהן דער מיין

פין אליעזר וואס ער האט געזאגט עבד אברהם אנכי ? דער אליעזר האט זיך איזוי באטראכט אז איך וועל זאגען אז איך בין אברהם'ס איין שיתוף אדער איין משולח אין דערנאך וועט מען געוואר ווערין אז איך בין גאר זיינער איין משרת, וואס פאר איין פנים וועל איך האבען. אבער אז איך דערצעהל פריהער אז איך בין עבד אברהם אין שפעטער וועלין זייא הערין אז איך בין טאקע „זקן ביתו המושל בכל אשר לו,“ איך בין דער אליעזר פערוואלטער איבער זיין גאנץ פערמעגען דאמאלס ווירד מיין עהרע נאך מעהר געהויבען ווערין, אין קיין מענש וועט מיר שוין ניט קענין פארווירפע מאכען

ריעזעלבע אידעע האב איך מיר אויך פארגעשטעללט אין האב געזאגט אז איך בין איין צימבלער אין ניט קיין דאקטאר, כדי מען זאלל מיר קיינע פארווירפע מאכען אין דארום האב איך מיין מלאכה פארגעשטעללט אין איין שיר געשריעבען נאך מיין פערשטאנד, אבוואהל ער איז ניט אזוי פאעטיש געשריעבען נאר אבער מיט איין ריין אמתדיק הארץ איז ער רעדיזשירט געווארען נאך יענער צייט נאך אין דער שיר איז גערריקט געווארען אין ערסטען טהייל פין מיין קראניקע . „דברי הימים לארצות רומעניע“

אויך אים צווייטען טהייל פין מיינע קראניקעס ענדע דער פאררעדע דארט האב איך אויך ערקלעהרט מיינע ליעבע לעזער דאס איך האב געלעבט צווישען פרעמדע פעלקער, ניט פין מיינע ברידער ווייל איך בין געצווינגען געוועהן מיין מלכה מיט זייא צו פיהרען כדי איך זאלל מיינע נאהרונגסמיטטעל פערדיענען ביגיע כפי אין אזוי האב איך דארט געשריעבען: „אמנם כי בין הסוחרים לא נפל חלקי רק עם לבן גרתי ובין הכושים היה גורלי.“ אויך דערפאר מען זאלל וויסען דאס איך בין קיין שטודירטער דאקטאר געוועהן. אין דיעזעלבע אידעע לערינט מיך יעצט אויך אז איך זאלל ערקלעהרען מיינע טייערע לעזער מיט וואס איך ערנעהר מיך אויף מיין עלטער אהן דער מלכה אין דיא עטליכע יאהרען וואס איך האב פארבראכט אין בתי מחסה לזקנים האב איך מיינע כוחות גענצליך אהן געווארען איך האב דארט מיינע אויגען פארלוירען עס האט מיר אריינגעשפריצט קאליך אין אויג אריין איך בין געריהרט געווארען אויףביידע זייטען פין דעם הייבען דיא אלטע

קראנקע אין זייא געטראגען פין איין בעט אויף דעם אנדערן אז איך האב געזעהען אז איך קאן שוין קיין שום דיענסט ניט אהן נעמען בין איך געוועהן ציפריעדען שמש צי זיין אין שילכען ביי דיא אלטע לייט אין דער נאך אז דיא קינדער צענטלער האבען געבויעט דאס טעמפעלע בין איך דארט אויך געוועהן שמש אהנע לאהן מיינע נאהרונגסמיטטעל זענין נאר געוועהן פין דעם וואס איך האב אין שיעל פארדיענט מיט מיין יגיע כפי אין וואס מיין ווייב האט פארדיענט מיט אביסיל קרעמערייא אין דער גאס, דאס איז אינזער פרנסה געוועהן, אום פאן דעם אזיעל ניט צי עסין. אבער דער וואלף מיכאלאוויטש האט מיר דאס ארימע ברויט אויך ניט פארגינין, ער האט געזיכט מיטעל מיר דאס אויך צי צו נעמען. אז ער איז געקימען אויף דעם טויער פין דעם אזיל-הויף אין האט מיך געזעהן זיצען ביי דער שיהל וימלא חמה אין זיין פנים איז באדעקט געווארען מיט אללערלייא פארבען אין זיין צארן האט אין איהם געברענט אזוי וויא אין המנין אויף מרדכין ער האט טאג אין נאכט געזיכט איין דארנבוים ער זאלל מיך אויף איהם אויפ־העננען. מען מעג דיא געשיכטע פארגלייבען צי מגילת אסתר. אזוי וויא דארט שפיעלט דיא ראללע אחשורוש המן מרדכי דיא זעלבע געשיכטע איז דא אויך פארגעקימען, דער מלך אחשורוש אין זיין מיניסטער המן דיא האבען ניט גערוהט ביז זייא האבען ניט פארטריעבען דעם מרדכי וואס ער פלעג תמיד זיצען ביי דעם טויער פין דער שיהל. בשנת שתים עשרה למלך אחשורוש הפיל פור הוא הגורל לפני המן מיום ליום ומחודש לחורש ונפל הגרל על סוף סעפטעמבער 1888 אז דאמאלס זאלל מען מיך פין דער שיהל ארויסווארפען אז איך זאלל דיא ארימע פאאר גרייצער אויך ניט מעהר קענין פארדיענען (*)

ביי דעם היסטארישען פעראיין יוליוס באראש בין איך איי־איינער פין דיא פונדאטארען אין אויך איין אקטיוועס מיטגליעד אין צאהל איין גלייך מיט אללע מיטגליעדער אין מיר האלטען קיין שמש ניט, איך מיט דעם פרים־סעקרעטער משה שווארצפעלד

(*) סוף יענער 1876 איז ער געקימען אויף דעם בענקיל, אין סוף סעפטעמבער 1888 איז ארוים דער גורל (פ"ה שתים עשרה למליכה) אז מרדכי זאלל זיך אהן טאהן אזאק מיט אש אין זאלל פאסטען אויף הפסקה.

באריענען דיא פעראיינס־אינטערעסען מיר נעמען קיין געצאהלט דערפאר. אויף דער זעלבער ארט האב איך געמאכט בייא דעם פעראיין בתי מחסה לזקנים. אויך איך האב קיין שום חכמת באַ־ ניצט דערצי איך האב געדיענט דעם פעראיין געטרייא אהנע שום אינטערעסע.

נקטה נפשי בחיי אעזבה עלי שיחי אדברה במר נפשי.

עס עקעלט מיך פאר מיין לעבען
דארום וויל איך פרייען לויף געבען
מיינער קלאגע. איך וויל רעדען
אום מיינער זעלע ביטטערע ליידען

## קורא יקר!

האזינה אמרתי ואדברה ,נטה אזניך לאמרי פי

אין יאהר 1884 איז נאך צ׳געקיממען גדליה ברייער, האט ער זיך אויך אלירט מיט דיא צווייא רשעים וואלף מיכאלאוויטש און דר. בלומענפעלד און אברהם משה האט צ׳געבריטט און דיא 4 עהרליבע מענשין; האבען געבויעט אקעגין מיר גרויסע פעסטונ־ גען מיך צי באמבארדירען אונד דער דינאמיט פין זייערע פאבריקען טרעפט מיך טאג טעגליך נאך ביז אין היינטיגען טאג. אזוי וויא מיינע ליעבע לעזער וועלין לעזען אין מיינער ביאגראפיע. מען קאן מיר זיכער גלויבען אז דורך זאלבע פיינע מענשען קימט ארויס איין דרימונט (אין אנטיסעמיט), נאר מיט גאטט זיינער הילפע דער אלטער פסנתר ווירד זיין רעכטען וועג נית פערלאזען. וויל איך גלויב אז עס איז דא איין בעשעפער. איך גלויב אין זיין תורה אונד אין זיינע געזעטצע, און מיר גלויבען אין השארת הנפש מיין קערפער מיט דער נשמה בייזאמען זענין מיר בייא איין עצה אז מיר וועלען זייער זינד נית פערגעבען ביז אין צעהנטען דור. דיא הייליגע נשמה וואס איז איין חלק אלה, זיא בעקליידעט מיין גוף שוין באלד 70 יאהר, זיא וועט געוויס נית שווייגען און וועט איהר משפט פארברענגין פאר דעם פריימע־פראקוראר פין דער גרויסער קורטע דע קאסאציע אין דארטען איז בוודאי הין צדק משפט צדק דיא עדות וועלין זיין דיא שטיינער מיט דיא ציגעל פין דעם בויא אין מיין ביימעלע וואס איך האב געפלאנצט בייא דיא פענסטער

פין דער שטיב דארט אין אזיל אין 1888 האב איך איין שהחיינו געמאכט איבער זיינע ערשטע פירות וואס ער האט געבראכט אויף דער וועלט. כי אבן מקיר תזעק וכפים מעץ יעננה: דענן דער שטיין פין דער וואנד וועט שרייען אין דאס פייגעלע פין מיין ביימעלע וועט ענפערן. אינ ציא דיא ערסטע עדות וועלין נאך ציקימען מיינע אלטע ביינער אינ וועלין צייגען דיא צייבען וואס זייער דינאמיט האט זייא געטראפען אויף דער עלטער. דיא ביי־נער וועלין בעקערפערט ווערין אינ פארשטעללען איין מענשענ־פיגור מיט דער נשמה ביי׳אמען* אינ דיא נשמה וועט איינרייכען איינע קלאגע דעם פרימע־פראקוראר אינ וועט אזוי איינע פראגע פארשטעללען: „רבונו של עולם, דיא האסט מיך ארייגעשיקט אין לייטירנים גולם אינ איך האב איהם ארימגעפיהרט אויף אימ־בעקאנטע וועגען איבער פעלדער אין וועלדער, איבער שטערט אין דערפער. אויף דיא פעלדער האט ער גירעד מיט אזאלכע מתים וואס זייא זענין געוועהן אבגעשייד פין דיא לעבענדיגע הינדערטיר יאהרען. אין דיא שטערט אין דערפער האט ער נאכגעפארשט צווישען לעבענדיגע מענשען וואס זייא זענין געוועהן אין דער על־טער פין איבער הינדערט יאהר אום ער זאל קעננען איבערצייגען אז דיא יורען זענין אלטגעזעססענע אין דיא לענדער רומעניען אין עס זאלל אבגעווישט ווערין דער מיאוסער פלעק וואס דיא אומות העולם האבען ארויפגעלעגט אויף דיינע פערטריבענע יודליך אין נאך איין פלאגע פין 15 יאהר וואס איך האב דעם גולם געפלאגט אויף דעם גיטען וועג, האב איך איהם נאך אינטערגעהעצט ער זאלל טהיילנעהמען ־וועגין צי בויען איין אינסטיטוט פיר אלטע לייט צי פערזארגען. דער גולם האט דערבייא אויך געהארוויט 12 יאהר אין דערפאר וואס ער האט ענטדעקט דיא גרינדונג דעם פער־איינס בתי מחסה לזקנים איז ער פערזעקוטירט געווארין ביז אין לעטצטען טאג פין זיין לעבען. איך האב איהם געמיזט אונטער־שטיטצען מיט מיין היילינען גייסט ער זאלל קענין אויף זיינע פיס ארימגעהן, פרעג איך דיך דיא פרימ־פראקוראר, דיא משפט׳סט דיא גאנצע וועלט: זו תורה וזו שכרה?

* אני הנשמה של ההומר יעקב ב״ר אשר זעליג פסנתר

אום מיינע ברידער זאללען פין דעם ניט לאבען וועל איך

פארשטעללען איינע לעגענדע וואס געפינט זיך ביי״א אונז יודען אונטער די״א געבעטע פין ימים נוראים.

דער פיוט שטעללט זיך אנידער אין זאגט: גוף ונשמה אם תריבם דוחו לא יכלו קום איך יוכל אדם לזכות בדין. די״א נשמה מיט דעם גוף קאנין זיך ניט גירעכט שטעללען פאר דעם גרויסען בית המשפט. אז מען פריינט די״א נשמה פאר וואס האסטו ציגעלאזט דעם קערפער אזוי פיעל עבירות צי טהין, זאגט די״א נשמה: איך האב קיינע שולד אין די״א עבירות וואס דער קערפער האט גע־טהאן. איך האב איהם געוויזען דעם גיטען וועג, האב איהם גע־ווארינט אין איהם געזאגט אז פאר עבירות בין איך נישט פערד־אנטווארטליך נאר אבער אז די״א וועסט גיטס טהין אין נאכגעהען נאך מעשים טובים אין מצות אזוי בין איך גוטשטייער אין פער־זיכער דיר אז די״א וועסט באצאהלט ווערין כפל כפלים אין ווער עס וועט וועלין דיר שלעכטס טהין, וועל איך זיין דיין אדוואקאט אין וויל מיך פאר דיר פארשטעללען אין פערלאנגיזן סאטיספאק־ציאן פין די״א רשעים וואס וועלין דיך בעטריגען. אבער די״א האסט מיך ניט געוואללט פאלגען, ביזט נאכגעגאנגען נאך תאות עולם הזה בין איך ניט שילדיג״. דאמאלם הייסט מען דער נשמה אויף א זייט שטעהן אין מען שאפט אז מען זאלל ברענגין דעם קער־פער צים משפט די״א שמשים לויפען געשווינד צים קבר אין וויא זיי״א קימען אהין זעהען זיי״א וויא דער קערפער איז פארפוילט אין עס שיבלען אין גריבלען ווערים, שלענג, יאשצירקים אין אנדערע טויטענפרעססער ארים דעם פערשטינקענעם חומר אין דאס גע־שטאנק געהט ארויס עד לב השמים וויא זיי״א דערזעהן די״א חתונה מיט דעם באנקעט לויפען זיי״א צוריק צום בית דין של מעלה אין זאגען עס איז אונמעגליך דעם קערפער צי ברינגען, ער וועט פערשטינקען דעם גאנצען סאלאן, ער האט זעהר א שלעכטען גערוך. אזוי שיקט מען צוויי״א מעכאניקער פין דער גרויסער אקאדעמיע אין מען בעפעהלט זיי״א צי ברענגען דעם ריינעם סקעלעט אויסגעטהאן פין דעם קערפער. די״א בעלי מלאכות זאמען ניט קיין סך אין ארבייטען מיט זייערע כעמישע קינצען אדער מיט זייער כשוף, וויא די״א לעבענדיגע וועלט רעד זיך איין אינ מען ברענגט איין ריינעם סקעלעט, ער ווערט אינטראפירט

אין דער פיגור פין א בן אדם אינ ווערט באלזאמירט מיט אללער־לייא שמעקענדיגע געווירצע, ער זאלל ניט פערשטינקען. דיא אל־כימיסטען וואס זענין דארט דא אין דער אקאדעמיע מאכען מיט זייער קינץ אז דער סקעלעט ענפירט אויף אללע פראגען וואס דיא דיינים פרעגין איהם [1]). אין ערשטען ברענגט מען דאס ספר הזכרונות אין מען ווייזט איהם וויא ער אלליין האט אנגעשריעבען אינ מען לעזט איהם פ.אר: דעם אין דעם האסטי מבייש געוועהן בפני קהל ועדה, פלוני בן פלוני האסטי פארטריבען פין זיין פרנסה, דעם אינ דעם האסטי זיין געלד איפגעגעססען, דעם אינ דעם האסטי זיין ברויט פין דעם מויל אויסגעריססען, דעם אינ דעם אלטען מאנן האסטי פערטריעבען פין זיין נעסט ביז ער האט פערלארען זיין לעבען אויף דיא גאססען, דיא אינ דיא אלטע לייט האסטי געשייד אהנע גט פטירין כדת משה וישראל. אקעגען ארמע אלטע מענשען ביסטי געוועהן איין עזות פנים אין האסט אויסגעאיפט דיין בארבארישען כאראקטער, איינע פאללע שטונדע ווערד פארגעלעזען דיא עבירות וואס ער האט בעגאנגען בין אדם לאדם אין בין אדם למקום.

וויא מען האט געענדיגט דאס פארלעזען ענפירט דער סקע־לעט: „ניין רבונו של עולם, ניט איך בין שילדיג אין דיא אללע עבירות. דיא נשמה האט מיך דערצי געבראכט. ווארין והראיה, אז דיא נשמה געהט פין מיר אוועק אזוי בלייב איך ליגען וויא איין גולם געמאכט פין ליים". אזוי געפינט מען שוין פיר גערעכט דעם גוף אין מען זאגט צי דער נשמה: דיא ביסט טאקע אין גאנצען שילדיג, ווארין אז דיא האסט געזעהן אז דער גוף טהיט אזעלכע שטארקע עבירות האסטי איהם געקענט פערלאזען אין זאללסט דיר געהן אין דיין ריה ארייין, דענן דיא ביסט פאר דעם קערפער ערוב [2]). אזוי שרייט דיא נשמה: יאה, איך האב דאס טאקע געוואללט טהין, האב שוין אפילו דעם קערפער צילייגט אויף דעם בעט אין איהם געשוואכט אללע זיינע כוחות, אזוי קימען דיינע שמשים אין זאגען מיר געה ניט אוועק פין דעם רשע'ס

---

[1]) דיא צייטונגען ערצעהלען אונז אז איינער עדינזאהן האט געמאכט פופען וואס רעדען וויא לעבענדיגע מענשען, אז מען קען דא אזא קינץ, קעננען דיא אלכימיסטען פין דער גרויסער אקא־דעמיע אויך דיא קינץ.

[2]) דיא הייליגע משנה זאגט: הכל נתן בערבון, זאגט דער מפורש: היא נשמתו שערב בעדו.

קערפער, כי לא אחפוץ במות המת כי אם בשובו מדרכו וחיה מיז איך דעם בעפעהל האלטען אין בעל כרחי בלייב איך צוריק אין דעם חומר“. אויף זא איין ארט געהט דער קריעג צווישען דער נשמה מיט דעם גוף. דאס זאגט דער פיוט: גוף ונשמה אם תריבם דוחו ולא יוכלו סום, היוכל אדם לזכות במשפט? (סליחות לער"ה אין דעם קאפיטעל ארון בפקדך אנוש לבקרים). דער ווערדיקט אדער דיא סענטענצע בלייבט אז דיא נשמות מיזען נאך איין מאהל מגולגל ווערין אין דיא קערפער פין מענשען און עס מיז אללעס בעצאהלט ווערין: ברויט פאר ברויט, שטיינער פאר שטיינער, ביז אין צעהנטען דור.